# דעם רבינ'ס ליכט

ויגש תשפ"ד
גליון 170



אײערע קינדער זאלט איר מודיע זײן
וואס דא האט זיך געטאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער רײנער קוואל

## קינדער, מען גײט שוין דאווענען!!

אבער, פאר מען גײט דאווענען װײסן אלע קינדער אז מען זאגט א לשם-יחוד און אויך א נֻסח פון 'הריני-מקשר', אז מיר זענען זיך מקשר מיט די אמת'ע צדיקים פון אונזער דור און די צדיקים די קדושים װעלכע זענען שוין נישט בײם לעבן, ובפרט לרבנו הקדוש זכותו יגן עלינו אמן.

װעלן מיר יעצט זען װי שײן ר' נתן פארצײלט װאס עס געשעט װען מיר זאגן דעם הריני-מקשר און װאס דאס טוט אויף, מיר זאלן קענען דאווענען װי עס דארף צו זײן, פארשטײט זיך אז ר' נתן טײטש עס ארײן אין די ערשטע פסוק פון די פרשה:

'ויגש' אליו יהודה, דאס מײנט אז מיר אידישע קינדער װעלכע װערן אנגערופן יהודה - יהודים 'דערנענטערן' זיך מיט א פארבינדונג צום צדיק האמת - יוסף הצדיק און מיר זאגן אים 'בי אדני ידבר נא עבדך דבר באזני אדני' מיר בעטן זיך בײם אמת'ן צדיק 'נעם' אונזערע תפלות און פארערכט זײ, עס זאל זײן פאסיג ארויפצוגײן צום אויבערשטן, 'ואל יחר אפך בעבדך' עס זאל דיך נישט אויפברויזן אויב מײן דאווענען איז נישט װי עס דארף צו זײן, נאר מיר בעטן דיר, מיט דײן אמת'ן אמת קענסטו דאך אונז ליכטיג בײם דאווענען אז מיר זאלן זען א װעג ארויס פון אלע פינסטערנישן װאס באפאלט אונז װען מיר שטעלן זיך דאווענען, און דו קענסט אונז געבן א װעג װי אזוי צו דאווענען ריכטיג.

װיאזוי טײטש ר' נתן דער המשך פון פסוק 'כי כמוך כפרעה'? פרעה איז א לשון פון 'מפריע ומגלה' - ער דעקט אויף'. װער עס זוכט נאר צו װערן אומרײן 'הבא לטמא', עפנט אים פרעה ברײט אפן אלע טירן װאס זענען געװען פארשפארט ביז איצטער. בעקר עפנט פרעה אויף די טויערן פונעם מח, אויב מען הײבט חס ושלום אן צו טראכטן נישט גוטע זאכן, װערט פרעה'לע זײער באקװעם און עפנט אויף נאך טויערן און װיל ארײנשלעפן דעם מענטש נאך טיפער װײל 'הבא לטמא פותחין לו'.

המשך אויף קומענדיגע זײט

# דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

אָבֶער אַלֶעמָאל אִיז דָא בְּחִירָה, אוּן דֶער עִיקָר עֵצָה אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דֶעם פְּלָאנְטֶער אִיז וֶוען אַ אִיד רֶעדְט אַן אֱמֶת׳ן דִּבּוּר – עֶר זָאגְט אַרוֹיס דִי וֶוערְטֶער פוּן דַאוֶונֶען מִיט אַ תְּמִימוּת, אֲפִילוּ מִיט אַ טְרוּקְנְקַייט, דֶער אֱמֶת׳ער דִּבּוּר וֶועט אִים לִיכְטִיג מַאכְן עֶר זָאל טְרֶעפְן אַ וֶועג אַרוֹיס אוּן בַּאקוּמֶען רֵיינֶע גֶעדַאנְקֶען עֶר זָאל קֶענֶען דַאוֶונֶען גֶעשְׁמַאק וִוי מֶען בְּרוֹיך.

דָאס מֵיינְט ׳כִּי כָמוֹךָ כְּפַרְעֹה׳ אַזוֹי וִוי פַּרְעֹה הָאט זִיךְ זַיינֶע פַארְפִירְטֶע וֶועגְן צוּ עֶפֶענֶען טוֹיעֶרְן אוּן אַרַיינְנַארְן דֶעם מֶענְטְשׁ, פּוּנְקְט אַזוֹי מַמָּשׁ קֶען דֶער צַדִּיק פוּן דִי דָאזִיגֶע טוֹיעֶרְן אַלֵיינְס, לִיכְטִיג מַאכְן דָארְט דֶעם אִיד עֶר זָאל קֶענֶען אַרוֹיסְגֵיין אוּן אִים בַּאלַייכְטְן צוּ קֶענֶען דַאוֶונֶען רֵיינֶע תְּפִלּוֹת צוּם בַּאשֶׁעפֶער. אִין אֵיין וָוארְט: ׳כִּי כָמוֹךָ׳ וַוייל דוּ צַדִּיק ׳כְּפַרְעֹה׳ קֶענְסְט עֶפֶענֶען טִירְן זִיךְ צוּ קֶענֶען בַּאפְרֵייעֶן פוּן אַלֶע אוּמְרֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת בַּיים דַאוֶונֶען נָאךְ אַזוֹי גוּט וִוי פַּרְעֹה קֶען פַארְדְרֵייעֶן דֶעם מֶענְטְשׁ׳.

מֶען וִויל פוּן אוּנְז אֵיין זַאךְ, מֶען זָאל דַאוֶונֶען מִיט אַן אֱמֶת, אוּן בְּרֶענְגֶען דִי תְּפִלָּה צוּם צַדִּיק בְּחִינוֹת יוֹסֵף אוּן נִישְׁט קַיין חִילוּק וִויאַזוֹי אִיךְ קֶען אַרוֹיסְזָאגְן דִי וֶוערְטֶער, אֲפִילוּ אִיךְ הָאבּ נִישְׁט יֶעצְט קַיין בְּרֶען, זָאג אִיךְ שְׁטַייטְלִיך בָּרוּךְ, שֶׁאָמַר, וְהָיָה, הָעוֹלָם, א.א.וו. בְּכֹחַ הַצַּדִּיק וֶועט בַּיים עֶנְדֶע לִיכְטִיג וֶוערְן מַיין דַאוֶונֶען אוּן מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן מִצְרַיִם פוּנֶעם קְנֶעכְטְשַׁאפְט פוּן פַּרְעֹה הָרָשָׁע אוּן בַּאקוּמֶען דִי קְדוּשָׁה פוּן יַעֲקֹב אָבִינוּ וָואס הָאט צְוֶועלְף שְׁבָטִים אוּן יֶעדֶער אִיד הָאט זַיין שֵׁבֶט אוּן טוֹיעֶר וואוּ זַיין תְּפִלָּה גֵייט אַרוֹיף, אוּן יוֹסֵף הַצַּדִּיק דֶער צַדִּיק הַדּוֹר צוּם אִים דַארְף מֶען זַיין מְקֻשָּׁר אוּן צוּ אַלֶע אֱמֶת׳ע צַדִּיקִים וֶועלְן אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת וֶוערְן אָנְגֶעקוּמֶען אוּן מִיר וֶועלְן פּוֹעֶ׳לְן דִי אֱמֶת׳ע גְאוּלָה.

הר"ר יעקב זאב חשין הי"ו
לרגל הולדת בתו למזל טוב

הר"ר שמעון שפירא הי"ו
לרגל הכנסת בנו לעול התורה והמצות

~~ ~~

הר"ר יעקב יוסף כהן הי"ו
לרגל הולדת הבת למזל טוב

הר"ר אלי' פעדער הי"ו לרגל הולדת הבת למזל טוב

# איין אמשה'לע



## וואָרְט, וואָרְט

עֶס אִיז גֶעוֶועןְ אַ חֲלוּקַת פְּרָסִים בַּיי אוּנְז אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה, וִוי מֶען הָאט גֶעקֶענְט גֶעוִוינֶען אַ שֵׁיינֶע מְנוֹרָה, אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל עֶס גֶעוִוינֶען, לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶס אַ צְוֵוייטֶער אִינְגְל גֶעוואוּנֶען, אָבֶּער דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעהֶערְט מַיין תְּפִלָּה...

אַפָּאר טֶעג שְׁפֶּעטֶער הָאבּ אִיךְ אִין חֵדֶר גֶעוואוּנֶען אַ חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה.

תְּפִלָּה גֵייט צוּזַאמֶען מִיט הַמְתֵּן, אַז מֶען וַוארְט צוּ אַבִּיסְל בַּאקוּמְט מֶען אַלֶעס.

יְהוּדָה.

צו די קינדער וואס פרעגן ווי אזוי צו מאכן די בחינות פון די פארגאנגענע וואכן. מען קען נישט מאכן אויפן טעלעפאן קיין בחינות נאר פון די וואך.

דער געווינער פון עטליכע וואכן צוריק, מנחם ישראל, דיין טעלאפן אין שטוב איז **4066

---

## ענטפערס אויף שאלות פון די חנוכה גליון





**וועלכע דריי זאכן זאגט אויף דעם דער הייליגער רבי אז ס'איז א "מצוה גדולה"?**

מצוה גדולה להיות בשמחה - מצוה גדולה להרבות בסעודת שבת - מצוה גדולה לחדד שכלו

**ווען קומט אויס אז מען זאגט חנוכה אבינו מלכינו ביים בענטשן?** הקל אבינו מלכינו

**וויפיל מאל קענסטו געפינען די ווערטער "סלח נא" אין דעם קעסטל? 16 מאל**

**אויף וועלכע צוויי זאכן דריקט זיך דער רבי אויס מיטן לשון: "איך בין שטארק מיט אלע מיינע זאכן, אין דעם ענין בין איך שטערקער [חזק ביותר, חזק מאוד]??**

1 ביים ענין פון תיקון הכללי אויף זיין ציון.

2. [ביי עניני עולם הזה איז] דער רבי נישט גוזר אויף א מענטש דוקא אזוי צו טון. [נאר דער רבי איז מיעץ בדרך עצה טובה] חיי מוהר"ן ת"ל

# אַייךְ זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַאפְט!

**בְּרֶסְלֶב** עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיִּגַּשׁ צוֹם עֲשָׂרָה בְּטֵבֵת יָאר תָּר"ה. עֶס הֶערְשְׁט אִינְדְרוֹיסְן אִין גַאס אַ בִּיטֶערֶע קֶעלְט אוּן פִינְסְטֶערְנִיש. אִין אֵיינֶע פוּן דִי שְׁטָאטִישֶׁע הַייזְקֶעלֶעךְ זִיצְט דֶער "מֹחַ" פוּן דִי וֶועלְט, מוֹרֵנוּ הַגָּאוֹן הַקָּדוֹשׁ רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב - דֶעם רֶבִּי'נְס גְרֶעסְטֶער תַּלְמִיד - אַרוּמְגֶענוּמֶען מִיט זַיין הֵיילִיגֶע חֲבַרְיָא אוּן שְׁפִּיץ שְׁטֵייט זַיין גֶעטְרֵייעֶר מְשַׁמֵּשׁ נֶאֱמָן אוּן תַּלְמִיד מֻבְהָק ר' נַחְמָן פוּן טוּלְטְשִׁין, זַיין זוּן ר' יִצְחָק אוּן נָאךְ חָשׁוּבֶ'ע תַּלְמִידִים. ר' נָתָן רֶעדְט זַיינֶע הֵיילִיגֶע רֵייד וָואס אִיז אַזוֹי וִוי זַיין לֶעצְטֶע צַוָּאָה: "עֶנְק זָאלְן זִיךְ הַאלְטְן צוּזַאמֶען מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַאפְט!"

רֶעדְנְדִיג זַיינֶע לֶעצְטֶע דִיבּוּרִים אוֹיף דִי וֶועלְט רוּפְט עֶר זִיךְ פְּלוּצְלִינְג אָן: "וֶועלְכֶע דְרַיי צָרוֹת אִיז גֶעשֶׁען חֹדֶשׁ טֵבֵת?" דִי תַּלְמִידִים הָאבְּן נִישְׁט גֶעדֶענְקְט צוּ זָאגְן! אוּן ר' נָתָן עֶנְטְפֶערְט: "א) עֶזְרָא הַסּוֹפֵר אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן ב) דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אִיז גֶעוָוארְן אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט אוֹיף יָוָונִיש ג) דִי שְׁטָאט יְרוּשָׁלַיִם אִיז צוּבְּרָאכְן גֶעוָוארְן אוּן דֶער מֶלֶךְ בָּבֶל הָאט אִיר אֵיינְגֶענוּמֶען". רַבִּי נָתָן הָאט מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען צוּ מַסְבִּיר זַיין זַיינֶע רֵייד: "נוּ אַז עֶזְרָא הַסּוֹפֵר גֵייט אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט (ר' נָתָן הָאט דָאס גֶעמֵיינְט אוֹיף זִיךְ אַלֵיין) אוּן טְרֵיף




פָּסוּל אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר אַזוֹי פוּל מָאל וִוי ס'אִיז הַיינְט דָא אֲלָפִים וּרְבָבוֹת טְרֵייף פְּסוּל! נָאר אִיךְ הָאף אַז אֵיין בְּלֶעטְל פוּן רֶבִּי'נְס סְפָרִים וֶועט זַיין אַ תִּיקּוּן פַאר אַלְסְדִינְג. נוּ זָאג אִיךְ אַייךְ אָן; אֵייעֶר בַּאשֶׁעפְטִיגוּנְג זָאל זַיין אִיר זָאלְט דְרוּקְן דִי סְפָרִים - ס'זָאל זַיין "יָפוּצוּ מַעְיְנוֹתֶיךָ חוּצָה," אִיהְר זָאלְט זַיין שְׁטַארְק מִיט גֶעלְט, מִיט רָצוֹן, אוּן מִיט טִרְחָה!"

רַבִּי נָתָן הָאט בַּאלְד דֶערְנָאךְ זִיךְ אָנְגֶעטוּן זַיין טַלִּית וּתְפִלִּין מִיטְן גַאנְצְן כֹּחַ אוּן גֶעזָאגְט סְלִיחוֹת. וֶוען מֶען הָאט גֶעלֵיינְט אִין דֶער תּוֹרָה "וַיְחַל מֹשֶׁה" הָאט עֶר זִיךְ צֶעוֵויינְט. נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט אִינֶעם גְרוֹיסְן שֻׁלְחָן עָרוּךְ מִיט אַלֶע מְפָרְשִׁים, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר ר' נַחְמָן בֶּן ר' עוֹזֵר: "גִיב מִיר דֶעם כָּל טוּב," הָאט ר' נַחְמָן נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר מֵיינְט, הָאט אִים ר' נָתָן גֶעזָאגְט: "גִיב מִיר דֶעם תַּנַ"ךְ דָאס אִיז דֶער "כָּל טוּב"."

רַבִּי נָתָן הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "טָאמֶער עֶס וֶועלְן קוּמֶען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן אוּן טַאנְצְן מִיט אַ פִידְל פַאר מִיר וֶועט עֶס מִיר זַייעֶר מְחַיֶּה

זַיין.״ שְׁפֶּעטֶער הָאט רַבִּי נָתָן גֶעבֶּעטְן פוּן ר׳ יִצְחָק עֶר זָאל אִים בְּרֶענְגֶען דִי קִיכְל פוּן שַׁבָּת אוּן הָאט גֶעגֶעסְן בִּדְחַק אַ כְּזַיִת, מִיט אַבִּיסְל יוֹךְ אוּן אַבִּיסְל צִימֶעס. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעבֶּענְטְשְׁט בִּרְכַּת הַמָּזוֹן, בַּיים בֶּענְטְשְׁן הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים גֶעהֶערְט וִוי עֶר זָאגְט ״הָרַחֲמָן הוּא יַמְשִׁיךְ לָנוּ קְדוּשַּׁת אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל״.

רַבִּי נָתָן הָאט גֶעבֶּעטְן זֵיי זָאלְן אַלֶע גֵיין אִין מִקְוֶה לְכָבוֹד שַׁבָּת וְוען אַלֶע זֶענֶען צוּרִיקְגֶעקוּמֶען פוּן מִקְוֶה הָאט זִיךְ אִים דִי קְרֶענְק זֵייעֶר מִתְגַּבֵּר גֶעוֶוען, הָאט דִי צַדֶיקֶת אָדְל – דֶעם רֶבִּי׳נְס טָאכְטֶער – גֶעפְרֶעגְט: ״אִיז אַייךְ עֶפֶּעס עֶרְגֶער גֶעוָוארְן?״ הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״סְ׳אִיז מִיט גְרוֹיס חֶסֶד...״

פוּן דַאן הָאט עֶר מֶער נִישְׁט גֶערֶעדְט. מֶען הָאט נָאר גֶעהֶערְט וִוי עֶר זָאגְט דִי פְּסוּקִים פוּן קְרִיאַת שְׁמַע עַל הַמִּיטָה. יְבָרֶכְךָ הַשֵּׁם וְיִשְׁמְרֶךָ. בִּרְכַּת הַמַּפִּיל חֶבְלֵי שֵׁנָה. מֶען הָאט גֶעהֶערְט וִוי עֶר דַאוְונְט מִנְחָה, בַּיי דִי בְּרָכָה פוּן סְלַח לָנוּ הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶע׳חַזֶר׳ט גָאר אַסַאךְ מָאל דִי וֶוערְטֶער ״חַנּוּן הַמַּרְבֶּה לִסְלוֹחַ״. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעדַאוֶונְט תְּפִלַּת שַׁבָּת וְוען מְ׳הָאט גֶעהֶערְט וִוי עֶר זָאגְט דִי וֶוערְטֶער מְקַדֵּשׁ הַשַּׁבָּת אִיז עֶר נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן בִּנְשִׁיקָה.

עֶס וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַסַאךְ שְׁבָחִים אוֹיף רַבִּי נָתָן אִין סֵפֶר כּוֹכְבֵי אוֹר וָואס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן דוּרְךְ ר׳ אַבְרָהָם בֶּן ר׳ נַחְמָן מְ׳טוּלְטְשִׁין זַ״ל. אִין חָכְמָה וּבִינָה אוֹת ל״ט שְׁרַייבְּט עֶר אַז אַזוֹי וִוי דִי גַאנְצֶע מִלְחָמָה פוּן מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אַנְטְקֶעגְן עֲמָלֵק הָאט זִיךְ גֶעוָואנְדְן אִין זַיין תַּלְמִיד יְהוֹשֻׁעַ, אַזוֹי אוֹיךְ אִיז דִי מִלְחָמָה פוּן הַיינְטִיגֶע צַייטְן אַנְטְקֶעגְן דִי מַלְכוּת הָרִשְׁעָה גֶעוָואנְדְן אִין רַבִּי נָתָן דֶער תַּלְמִיד פוּנֶעם רֶבִּי׳ן. דֶערְפַאר אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף רַבִּי נָתָן אַזֶעלְכֶע שְׁוֶוערֶע מִלְחָמוֹת וִוי עֶר אִיז גֶעוָוארְן גֶע׳רוֹדֶפְ׳ט אוּן גֶעפַּיינִיגְט, בַּאשְׁמִיצְט אוּן פַּארְטְרִיבְּן גֶעוָוארְן פוּן זַיין הוֹיז אוֹיף אַזוֹי ווייט אַז מֶען הָאט אִים גֶעוָואלְט הַרְגֶ׳נֶען הַשֵּׁם יְרַחֵם אוּן דָאס אַלֶעס נָאר ווייל עֶר הָאט אַרָאפְּגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם רֶבִּי׳נְס חִזּוּק פַאר יֶעדְן אִיד אִין יֶעדְן דַּרְגָּה אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט אִין זַיינֶע הֵיילִיגֶע סְפָרִים אַז עֶר רֶעדְט טַאקֶע פוּן אַלֶע מִדּוֹת אָבֶּער רוֹב פוּן זַיינֶע דִיבּוּרִים זֶענֶען וֶוערְטֶער פוּן הִתְחַזְּקוּת צוּ שְׁטַארְקְן אַלֶע צוּבְּרָאכֶענֶע מֶענְטְשְׁן וָואס עֲמָלֵק וִויל זֵיי מְיָאֵשׁ זַיין אוּן רַבִּי נָתָן מִיט זַיינֶע זִיסֶע רֵייד אִיז מְחַזֵּק יֶעדְער אִיד בַּאזוּנְדֶער.

ר׳ אַבְרָהָם בַּ״ר נַחְמָן פִירְט אוֹיס אַז עֶר הָאט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אַז דִי וֶוערְטֶער ״חַנּוּן הַמַּרְבֶּה לִסְלוֹחַ״ בַּאטְרֶעפְט דִי זֶעלְבֶּע וִוי דֶער נָאמֶען ״נָתָן״ ווייל פּוּנְקְט דָאס אִיז גֶעוֶוען רַבִּי נָתָן׳ס זַאךְ – צוּ זַיין אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר אוּן צוּטְרֶעפְן אַ פַארְצֵייאוּנְג פַאר אַ יֶעדְער אִיד אִין יֶעדֶער מַצָּב.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים זָאלְן וֶוערְן צוּשְׁפְּרֵייט אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוּן וְוען דִי פֵייעֶרְדִיגֶע דִיבּוּרִים וֶועלְן נִתְפַּשֵּׁט וֶוערְן אוֹיף דִי וֶועלְט וֶועט גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל זוֹכֶה זַיין צוּ תְּשׁוּבָה שְׁלֵמָה אָמֵן וְאָמֵן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. (שֵׁם חֵלֶק אַנְשֵׁי מוֹהֲרַ״ן)

# אוּנְזֶער גְרוֹיסְקַייט, אוּנְזֶער שַׁיינְקַייט

אִין יָאר תר"ד הָאט ר' נָתָן חֲתוּנָה גֶעמַאכְט זַיין זוּן ר' נַחְמָן מִיט דִי טָאכְטֶער פוּן הרה"ח רֶבִּי יִשְׂרָאֵל פוּן שְׁטָאט לִיפָּאוִויץ, דָאס אִיז גֶעוֶוען אֵיין יָאר פַאר ר' נָתָן אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן.

וֶוען עֶס גֶעקוּמֶען נֶענְטֶער צוּם טָאג פוּן דֶער חֲתוּנָה, אִיז ר' נָתָן גֶעפָארְן בַּאגְלֵייט מִיט עֶטְלִיכֶע פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט צוּ דֶער חֲתוּנָה. עֶס אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אַ מִנְהָג אַז דִי עֶלְטֶערְן פוּן דִי כַּלָּה אוּן זֵייעֶר מִשְׁפָּחָה זֶענֶען אַרוֹיס אִינְדְרוֹיסְן פוּן שְׁטָאט צוּ גֵיין אַנְטְקֶעגְן דֶעם חָתָן מִיט גֶעזֶענְג. וֶוען דִי מִתְנַגְּדִים דִי אַיינְוואוֹינֶער פוּן שְׁטָאט הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז ר' נָתָן קוּמְט צוּ פָארְן, זֶענֶען זֵיי אַרוֹיס מִיט שְׁטֶעקֶענֶעס אוּן שְׁטֵיינֶער אִים צוּ מְקַבֵּל פָּנִים זַיין... אוּן אַזוֹי אִיז לַיידֶער גֶעשֶׁען, וֶוען ר' נָתָן מִיט זַיין זוּן דֶער חָתָן, זֶענֶען גֶעקוּמֶען נֶענְטֶער צוּם שְׁטָאט, זֶענֶען דִי מִתְנַגְּדִים אִים בַּאפַאלְן.

ר' נָתָן הָאט צוּגֶעזֶען דִי קוֹלוֹת אוּן גֶעשְׁרֵייעֶן וָואס אִיז דָארְט פָארְגֶעקוּמֶען, אִיז עֶר זִיךְ גֶעגַאנְגֶען אִין אַ זַייט, צוּם נָאנְטְן וַואלְד, וֶוען אִינְצְווִישְׁן אִיז דֶער מְחוּתָּן ר' יִשְׂרָאֵל גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי פָּאלִיצַיי סְטַאנְצְיֶע, וואוּ דִי אָפִיצִירְן זֶענֶען טַאקֶע גֶעקוּמֶען אָפְּשְׁטֶעלְן אַז דִי חֶבְרָה זָאלְן נִישְׁט קֶענֶען שְׁלָאגְן אוּן פַארְפִירְן.



וֶוען דִי קְרִיג הָאט זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט הָאט דֶער גֶעטְרֵייעֶר גַּבַּאי פוּן ר' נָתָן ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער בַּאמֶערְקְט אַז ר' נָתָן אִיז נֶעלָם גֶעוָוארְן, עֶר הָאט גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז ר' נָתָן גֶעפִינְט זִיךְ אִין... וַואלְד, עֶר גֵייט אַרַיין טִיף אִין וַואלְד אוּן זֶעט, ווִי ר' נָתָן זִיצְט אִין וַואלְד אוּן רֶעדְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן...

עֶר לֵייגְט צוּ אַן אוֹיעֶר אוּן הֶערְט ווִי דִי וֶוערְטֶער קוּמֶען אַרוֹיס פוּן ר' נָתָנְ'ס הֵיילִיגֶע מוֹיל: "... רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וֶועלְכֶער מְחוּתָּן הָאט אַזַא קַבָּלַת פָּנִים ווִי מַיינֶע? אַז אַ וַואסֶער טְרֶעגֶער מַאכְט חֲתוּנָה אַ קִינְד, הָאט עֶר אַזַא קַבָּלַת פָּנִים? אִיז דָאךְ דָאס נָאר דֶערְפַאר ווַייל אִיךְ רֶעד פוּנֶעם רֶבִּי'ן".

ר' נָתָן הָאט זִיךְ דַאן גֶעטְרֵייסְט מִיט דֶעם פָּסוּק וָואס דֶער רֶבִּי אִיז מְבָאֵר אִין תּוֹרָה ס"ו "שֶׁעִקַּר גְּדֻלָּתֵנוּ וְתִפְאַרְתֵּנוּ שֶׁל כָּל הַיְרֵאִים וְהַכְּשֵׁרִים יִהְיֶה רַק לֶעָתִיד לָבוֹא" וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעזָאגְט אוֹיךְ אוֹיף זִיךְ אוּן אוֹיף אוּנְזֶערֶע לַייט. ר' נָתָן הֵייבְּט אָן זִינְגֶען דִי וֶוערְטֶער מִיטְן בַּאוואוּסְטְן נִיגּוּן פוּן אֵשֶׁת חַיִל "אוּנְזֶער גְּרוֹיסְקֵייט אוּן אוּנְזֶער שֵׁיינְקֵייט וֶועט מֶען זֶעהְן וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען, אוּנְזֶער גְּרוֹיסְקֵייט אוּן אוּנְזֶער שֵׁיינְקֵייט וֶועט נָאר זַיין אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט".

ר' נָתָן גֵייט יֶעצְט צוּרִיק צוּ זַיין וָואגְן אוּן פָארְט אַרַיין אִין שְׁטָאט אוּן דִי חֻפָּה אִיז גֶעשְׁטֶעלְט גֶעוָוארְן כַּדָּת וְכַדִּין.

# א סצענע פון יענע וועלט

די מעשה גייט צוריק מיט איבער הונדערט-ניינציג יאר. דער הייליגער רבי נתן האט דאן געוואוינט אין דער שטאט ברסלב ארומגענומען מיט א קליין קבוצה פון בלויז עטליכע צענדליגע תלמידים. עס איז דאן געווען א שווערע תקופה ווען ברסלב׳ע חסידים זענען פארפלאגט געווארן אויף אן אומדערהערטן אופן.

אינטערעסאנט איז אז די מתנגדים האבן נישט געקענט אפירברענגען אפילו איין זאכליכע טענה קעגן זיי; אמאל האט מען זיי באשולדיגט מיט׳ן לערנען און דאווענען ׳צופיל׳, און א צווייטע מאל האט מען זיי אראפגעלייגט אלס אזעלכע וואס זענען גאר עובר אויף תורה ומצוות...

אין איינעם א טאג האט א איד פון שטאט געהערט אז זיין צען יעריגער זון שמשון איז געזען געווארן אריינגיין שבת ביי שלש סעודות נישט מער און נישט ווייניגער ווי אין הויז פונעם ׳סעקטע פירער׳ (ר׳ נתן). דער פאטער איז דערציטערט געווארן און אנגעווארנט זיין זון ער זאל זיך מער נישט דערוואגן נאנטצוטרעטן צו די דאזיגע ׳סעקטע׳.

שמשון׳ס יונגע בענקעדיגע הערצעלע האט אבער נישט געקענט שלאפן רואיג, דעם פאלגנדן שבת נאכמיטאג האט ער - אנשטעלנדיג א פארשלאפענעם פנים - זיך אראפגעלייגט כאפן א דרימל, אבער ווי נאר עס איז שטיל געווארן אין שטוב איז ער אויפגעשטאנען און זיך שטילערהייט ארויסגעשלייכט צו ר׳ נתן׳ס הויז...

ווען דער פאטער האט געזען אז דער זון האט אים אויסגעשפילט, איז ער דעם קומענדיגן שבת פאר מנחה אריינגעגאנגען אין זיין צימער, גענומען זיינע שיך און מאנטל, און זיי באהאלטן. ווען דער זון האט זיך ׳ערוועקט׳ און נישט געפונען זיינע בגדים... ער האט אבער נישט אויפגעגעבן, און עס איז אים איינגעפאלן א פלאן. ער איז אראפגעגאנגען אין קעלער, וואו איינעם פארשטויבטן קאסטן זענען געלעגן פויערישע קליידער. פלינקערהייט האט ער מצליח געווען ׳אריינצוגיין׳ אין א פאר ריזיגע שטיוול. דערנאך האט ער זיך איינגעהילט אין א מאנטל היבש גרעסער ווי זיין מאס, און אזוי האט ער זיך אין איילעניש ארויסגעלאזט צום הויז פון רבי נתן.

ווי נאר שמשון האט אריינגעטראטן אין שטוב אנגעטון אין פויערישע קליידער, האט אלעמען ארומגענומען א שטוינונג וואס איז באלד פארוואנדלט געווארן אין א גרויס געלעכטער... אבער רבי נתן, - וואס מיט זיינע הייליגע אויגן האט ער באלד פארשטאנען וואס דא טוט זיך, האט נישט געלאכט. ער האט זיך געוואנדן צום אינגל מיט א ליבליכן וואונק זאגנדיג: "דאס וועט דיר נאך צוניצקומען!"

פילע יארן זענען פארלאפן. שמשון האט חתונה געהאט און איז געווען א פייערדיגער עובד השם, פארברענגענדיג טאג און נאכט מיט תורה און תפילה לויט׳ן הייליגן רבי׳נס דרך.

אמאל האט זיך געמאכט אז ר׳ אברהם בער - דעם הייליגן רבי׳נס אייניקל - וועלכער איז געווען א גרויסער עושר, האט געזוכט א באגלייבטער היטער פאר זיינע וועלדער. נאכ׳ן זיך איבערקלערן האט ער נישט געפונען קיין פאסיגערן מענטש דערפאר ווי דעם אויבנדערמאנטן ר׳ שמשון.

ר׳ שמשון האט זיך שטארק געפריידט צום פאסטן, אינזין האבנדיג אז אזוי וועט ער רואיגערהייט קענען דינען דעם באשעפער חוץ לישוב, אינעם ריינעם לויטערן אטמאספער פון אויסער׳ן שטאט. ר׳ אברהם בער - וועלכער האט זיך פארלאזט אויף זיין ישרות - האט אפגעמאכט מיט אים אז ווען אימער ער נויטיגט זיך קען ער נעמען פון די געלטער וואס קומען אריין ביים

פארקויפן דאס האלץ.

ר׳ שמשון האט זיך אריבערגעצויגן וואוינען אין א הייזקע אין וואלד, פארברענגענדיג מיט לערנען, דאווענען און התבודדות, אויסער זיין ארבעט אלס היטער און אויפזעער אויף דאס האלץ האקעריי און דערנאך דאס האלץ-האנדל. און ווי וואונדערליך, פונעם טאג וואס ער איז אנגעקומען האבן די ארומיגע גוים אויפגעהערט גנב׳ענען פון די העלצער פון וואלד, זיך שרעקנדיג פונעם אידישן ׳ראבין׳ וועמענס געשריי טוט אלע ווילע ארויסדרינגען פון די טיפעניש פון וואלד...

א קורצע צייט שפעטער האט ר׳ שמשון חתונה געמאכט זיין זון, און אויף די הוצאות האט ער גענומען פון די קאסע, אזוי ווי ער האט געהאט אפגעשמועסט מיט ר׳ אברהם בער. אין איינע פון די טעג איז ר׳ שמשון פלוצלינג נפטר געווארן אין די הייזקע וואו ער האט געוואוינט. ביינאכט האט ר׳ אברהם בער גע׳חלומ׳ט א מורא׳דיגע חלום. ר׳ שמשון ערשיינט נעבן אים און זאגט: "מיין פריינט, זיי וויסן אז איך בין שוין נישט צווישן די לעבעדיגע. איך בין געקומען אויפ׳ן באפעל פון דיין זיידן דער הייליגער רבי, דיר איבערצובעטן, ווייל איך האט נישט אנגעיאגט צו ארבעטן פאר דיר אין וואלד גענוג לויט וויפיל כ׳האב גענומען פון דיינע געלטער." דער דערשטוינטער ר׳ אברהם בער האט גערן מוחל געווען ר׳ שמשון. דערנאך האט ער אים געבעטן צו דערציילן וואס עס האט זיך אפגעשפילט מיט אים נאך זיין פטירה.

"ארויפקומענדיג אויף יענע וועלט," האט ר׳ שמשון אנגעהויבן דערציילן, "האב איך נישט געוואוסט וואו זיך צו ווענדן. פלוצלינג זעה איך רבי נפתלי דעם רבי׳נס תלמיד. איך האב מיך געבעטן ביי אים ער זאל מיך נעמען צום רבי׳ן, אבער ער האט געענטפערט: ׳די דאזיגע ענין באלאנגט נאר פאר רבי נתן, אבער איך וועל אים צואוויסן טון דיין בקשה.׳ נאך א געוויסע צייט איז רבי נתן ערשינען און מיר גענומען צום רבינ׳ס היכל. דער רבי האט א בליק געטאן אין א ביכל אין זיין האנט, און געזאגט: ׳יא, דו ביזט פון מיינע לייט! נאר כדי דו זאלסט קענען זיין אין מיין היכל, דארפסטו זיך ערשט טובל׳ען אין טייך דינור...׳ רבי נתן האט מיך גענומען און באגלייט צום דאזיגן מורא׳דיגן טייך. אויפ׳ן וועג האבן מיר אנגעטראפן א באנדע מלאכי חבלה, אבער ווי נאר זיי האבן זיך געוואלט דערנענטערן צו אונז האט רבי נתן אויסגערופן: ׳רבי נחמן האט אונז געשיקט!׳ אין יענע רגע זענען זיי אלע צוגאנגען ווי קיינמאל גארנישט. אזוי האט זיך איבערגעשפילט עטליכע מאל, ביז מיר זענען אנגעקומען צום טייך דינור.

"וואס זאל איך דיר זאגן? די יסורים זענען געווען זייער שטארק, אבער די פארגעניגן וואס מען שפירט דערנאך - דאס קען מען בכלל נישט באגרייפן אויף דעם וועלט. צוריקקומענדיג צום רבי׳ן האט ער מיר געזאגט: ׳מען שפירט נאך אלס פון דיר א "גערוך פון עולם הזה", דו מוזט זיך טובל׳ען נאכאמאל!׳ איך האב אויסגעפירט זיין באפעל, און צוריקקומענדיג האט מיר דער רבי געזאגט: ׳יעצט דארפסטו גיין צו מיין אייניקל אברהם בער און אים בעטן מחילה אויף די געלט וואס דו ביזט אים שולדיג געבליבן.׳"

ר׳ אברהם בער האט זיך ערוועקט פון זיין חלום איבערגענומען מיט התרגשות. א קורצע צייט שפעטער איז טאקע פעסטגעשטעלט געווארן אז ר׳ שמשון איז נפטר געווארן. ער האט דערציילט פאר זיינע חברים - רבי נתנ׳ס תלמידים - זיין מורא׳דיגן חלום, און דאן האבן עטליכע פון זיי זיך פלוצלינג דערמאנט אין די וואונדערליכע רייד פון רבי נתן צו אים מיט פילע יארן פריער, נאך זייענדיג א אינגל: "דאס וועט דיר נאך צוניצקומען!"

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיוֹת

## מַעֲשֶׂה ז׳ - דֶער פְּלִיג אוּן דֶער שְׁפִּין (1)

**אִיךְ וֶועל אַייךְ דֶערְצֵיילְן מַיין נְסִיעָה וָואס אִיךְ הָאבּ גִיהַאט. מַעֲשֶׂה אַמָאל אִיז גִיוֶוען אַ מֶלֶךְ.** וָואס עֶר הָאט אוֹיף זִיךְ גִיהַאט כַּמָּה מִלְחָמוֹת שְׁוֶועֶרע אוּן הָאט זֵיי כּוֹבֵשׁ גִיוֶוען (דְהַיְינוּ אַיין גִינוּמֶען) אוּן הָאט גִינוּמֶען אַסַאךְ שְׁבוּיִים. (אֶפְשֶׁר וֶועט אִיר מֵיינֶען אִיךְ וֶועל אַייךְ גָאר דֶערְצֵיילִין וֶועט אִיר קֶענֶען פַארְשְׁטֵיין)

**הָאט דֶער מֶלֶךְ** גִימַאכְט אַ גְרוֹיסְן בַּאִיל אַלֶע יָאר אִין דֶעם טָאג וָואס עֶר הָאט אָפּ גִינוּמֶען דִי מִלְחָמָה. אוּן סֶע דָארְט גִיוֶוען אוֹיף דֶעם בַּאִיל אַלֶע שָׂרֵי מְלוּכָה אוּן אַלֶע שְׂרָרוֹת. אַזוֹי וִוי דֶער סֵדֶר אִיז בַּיי מְלָכִים.

**אוּן מְהָאט דָארְט** גִימַאכְט קָאמֶעדְיֶיעס. אוּן מְהָאט גִישְׁפֶּעט פוּן אַלֶע אוּמוֹת פוּן דֶעם טֶערְק אוּן פוּן אַלֶע אוּמוֹת. אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ נָאךְ גִיקְרוּמְט אִיטְלִיכֶער אוּמָה אַזוֹי וִוי זֵייעֶר נִימוּס אוּן זֵייעֶר פִּירִיכְץ **אִיז מִן הַסְתָּם הָאט מֶען פוּן יוּדִין אוֹיךְ גִישְׁפֶּעט.**

**הָאט דֶער מֶלֶךְ** גִיהֵייסִין בְּרֶענְגֶען דָאס סֵפֶר. וָואס דָארְט אִיז פַארְשְׁרִיבְּן דִי נִימוּסִים אוּן דָאס פִּירִיכְץ פוּן אִיטְלִיכֶער אוּמָה. אוּן אוּמִידוּם וִוי דֶער מֶלֶךְ הָאט אוֹיף גִיעֶפְענְט דָאס סֵפֶר הָאט עֶר גִיזֶעהְן פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי זֵיי הָאבִּין גִימַאכְט דִי קַאמֶעדְיֶע פוּן זֵיי. וָוארִין מִן הַסְתָּם. דֶער וָואס הָאט גִימַאכְט דִי קָאמֶעדְיֶע. הָאט עֶר אוֹיךְ גִיזֶעהְן דָאס סֵפֶר.

**דֶערְוַוייל וִוי דֶער מֶלֶךְ** אִיז גִיזֶעסְן אִיבֶּער דֶעם סֵפֶר. **הָאט עֶר גִיזֶעהְן וִוי אַ שְׁפִּין קְרִיכְט אוֹיף דִי שַׁארְף פוּן דִי בְּלֶעטֶער פוּן דֶעם סֵפֶר.** אוּן אוֹיף דִי בְּלֶעטֶער פוּן דֶעם סֵפֶר אִיז גִישְׁטַאנֶען אַ פְּלִיג. מִן הַסְתָּם וואוּ הִין גֵייט **אַ שְׁפִּין צוּ אֵיין פְּלִיג.** דֶערְוַוייל וִוי דִי שְׁפִּין אִיז גִיקְרָאכְן אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען צוּ דֶער פְּלִיג.

**אִיז גִיקוּמֶען אַ וִוינְט** אוּן הָאט אוֹיף גִיהוֹיבִּין דָאס בְּלֶעטִיל פוּן דֶעם סֵפֶר הָאט דִי שְׁפִּין נִישְׁט גִיקָאנְט גֵיין צוּ דֶער פְּלִיג. הָאט זִי זִיךְ אוּם גִיקֶערְט. אוּן הָאט זִיךְ קְלָאמִירְשְׁט גִימַאכְט. גְלַייךְ וִוי זִי קֶערְט זִיךְ אוּם. אוּן וִויל שׁוֹין נִיט גֵיין צוּ דֶער פְּלִיג. דֶערְנָאךְ הָאט זִיךְ דָאס בְּלֶעטְל אוּמְגִיקֶערְט אוֹיף זַיין אָרְט. הָאט וִוידֶער דִי שְׁפִּין גִיוָואלְט גֵיין צוּ דֶער פְּלִיג. הָאט זִיךְ וִוידֶער אוֹיף גִיהוֹיבֶּען דָאס בְּלֶעטְל. אוּן הָאט זִי נִיט גִילָאזְט הָאט זִיךְ דִי שְׁפִּין וִוידֶער אוּמְגִיקֶערְט.

**אוּן אַזוֹי אִיז גִיוֶוען** עֶטְלִיכֶע מָאל. נָאךְ דֶעם אִיז וִוידֶער דִי שְׁפִּין גִיגַאנְגֶען צוּ דֶער פְּלִיג אוּן אִיז אַזוֹי גִיקְרָאכִין בִּיז זִי הָאט זִיךְ שׁוֹין אַרִיבֶּער גִיחַאפְּט מִיט אֵיין פִּיסְל אוֹיף דֶעם בְּלֶעטְל. הָאט זִיךְ וִוידֶער אוֹיף גִיהוֹיבֶּען דָאס בְּלֶעטִיל.

**אוּן דִי שְׁפִּין** אִיז שׁוֹין גִיוֶוען אַבִּיסְל אוֹיף דֶעם בְּלֶעטִיל. הָאט זִיךְ דָאס בְּלֶעטִיל אַנִידֶערְ גִילֵייגְט אִין גַאנְצִין. בִּיז דִי שְׁפִּין אִיז גִיבְּלִיבְּן אוּנְטֶערִין בְּלֶעטְל צְוִוישְׁן אֵיין בְּלֶעטִיל אוּן אַנְדֶערִין. אוּן זִי אִיז דָארְטְן גִיקְרָאכִין. אוּן אִיז אַלְץ גִיבְּלִיבְּן מַטָּה מַטָּה. **בִּיז סֶע פוּן אִיר גָאר נִיט גִיבְּלִיבְּן** (אוּן דִי פְּלִיג, וֶועל אִיךְ אַייךְ נִישְׁט דֶערְצֵיילְן וָואס מִיט אִיר הָאט זִיךְ גִיטָאן).

**און דער מֶלֶךְ** הָאט דָאס אַלץ גֶעזֶעהְן. און הָאט זִיךְ זֵייעֶר פַארְוואוּנְדֶערְט עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דָאס אִיז נִיט קֵיין לֶערֶע זַאךְ. נָאר מְוַוייְזְט אִים עֶפֶּעס אַזַאךְ דֶערְמִיט (און דִי אַלֶע שָׂרִים הָאבְּן גִיזֶעהְן אַז דֶער מֶלֶךְ קוּקְט און פַארְוואוּנְדֶערְט זִיךְ דְרוֹיף) און דֶער מֶלֶךְ הָאט אָנְגִיהוֹיבְּן צוּ טְרַאכְטְן. וָואס דָאס בַּאטַייט. און עֶר אִיז אַנְדְרִימְלְט גִיוָוארִין **אוֹיף דֶעם סֵפֶר. הָאט זִיךְ אִים גִיחָלוֹמְט.** אַז עֶר הָאט גִיהַאלְטְן אִין דֶער הַאנְט אַ דוּמִיט. און עֶר הָאט אוֹיף אִים גִיקוּקְט. זֶענֶען פוּן אִים אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען גוּזְמוֹת מֶענְשְׁן. הָאט עֶר אַרָאפּ גִיוָוארְפְן דֶעם דוּמִיט פוּן דֶער הַאנְט.

**און דֶער סֵדֶר אִיז בַּיי מְלָכִים.** סֶע הֶענְגְט אִיבֶּער זַיין פַּאטְרֶעט און אִיבֶּער דֶעם פַּאטְרֶעט. הֶענְגְט דִי קְרוֹין. הָאט עֶר גִיזֶעהְן אִין חָלוֹם. ווִי דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי זֶענֶען אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען פוּן דֶעם דוּמִיט הָאבִּין גִינוּמֶען דֶעם פַּאטְרֶעט. און הָאבְּן אָפּ גִישְׁנִיטִין דֶעם קָאפּ.

**דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי גִינוּמֶען** דִי קְרוֹין און הָאבִּין אַרַיין גִיוָוארְפְן אִין דֶער בְּלָאטֶע אַרַיין. און זֵיי זֶענֶען גִילָאפְן צוּ אִים זֵיי זָאלִין אִים הַרְגִינֶען. הָאט זִיךְ אוֹיף גִיהוֹיבְּן אַ בְּלֶעטִיל פוּן דֶעם סֵפֶר וָואס עֶר אִיז גִילִיגְן דְרוֹיף. און הָאט אִים פַארְשְׁטֶעלְט. הָאבְּן זֵיי אִים גָאר נִישְׁט גִיקָאנְט טָאן. זֶענֶען זֵיי אַוֶועק גִיגַאנְגֶען פוּן אִים.

**און דֶערְנָאךְ** הָאט זִיךְ דָאס בְּלֶעטִיל אוּם גִיקֶערְט אוֹיף זַיין אָרְט. דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי ווִידֶער גִיוָואלְט אִים הַרְגֶענֶען הָאט זִיךְ ווִידֶער אוֹיף גִיהוֹיבְּן דָאס בְּלֶעטִיל כַּנַ"ל. און אַזוֹי אִיז גִיוֶוען כַּמָה מָאל. **הָאט דֶער מֶלֶךְ** זֵייעֶר גִיוָואלְט זֶעהְן. וָואס פַאר אַ בְּלֶעטִיל סֶע אִיז אוֹיף אִים מֵגִין. (דְהַיְינוּ סֶע בַּאשִׁיצְט אִים) וָואסֶערֶע נִימוּסִים סֶע שְׁטֵייעֶן דְרוֹיף. פוּן וֶועלִיכֶער אוּמָה דָאס אִיז. הָאט עֶר מוֹרָא גִיהַאט צוּ קוּקִין.

**און עֶר הָאט אָן גִיהוֹיבִּין** צוּ שְׁרַייעֶן. **גִיוַואלְד. גִיוַואלְד.** און אַלֶע שָׂרִים וָואס זֶענֶען דָארְט גִיזֶעסִין. הָאבִּין גִיהֶערְט. הָאבִּין זֵיי אִים גִיוָואלְט אוֹיף וֶועקִין. נָאר דָאס אִיז נִיט קֵיין נִימוּס. מֶען זָאל אַ מֶלֶךְ וֶועקִין. הָאבְּן זֵיי גִיקְלַאפְּט אַרוּם אִים. כְּדֵי זֵיי זָאלִין אִים אוֹיף וֶועקִין. **און עֶר הָאט נִישְׁט גִיהֶערְט.**

**דֶערְוַוייל** אִיז צוּ אִים גִיקוּמֶען אַ הוֹיכֶער בַּארְג. און הָאט אִים גִיפְרֶעגְט וָואס שְׁרַייסְטוּ אַזוֹי. עֶס אִיז שׁוֹין אַזוֹי אֵיין לַאנְגֶע צַייט. אַז אִיךְ שְׁלָאף. הָאט מִיךְ קֵיינֶער נִיט אוֹיף גִיוֶועקְט. און דוּ הָאסְט מִיךְ אוֹיף גִיוֶועקְט. (אַזוֹי הָאט דֶער בַּארְג גִיזָאגְט צוּם מֶלֶךְ)

**הָאט עֶר אִים גִיזָאגְט:** ווִי זָאל אִיךְ נִיט שְׁרַייעֶן. אַז זֵיי שְׁטֵייעֶן אוֹיף מִיר אוֹיף. און ווִילְן מִיר הַרְגִינֶען. **נָאר דָאס בְּלֶעטִיל אִיז אוֹיף מִיר מֵגִין. הָאט אִים דֶער בַּארְג גִיעֶנְפֶערְט.** אַז דָאס בְּלֶעטִיל אִיז אוֹיף דִיר מֵגִין. בַּאדַארְפְסְטוּ קֵיין מוֹרָא נִיט צוּ הָאבִּין פַאר קֵיין שׁוּם זַאךְ וָוארִין אוֹיף מִיר שְׁטֵייעֶן אוֹיךְ אוֹיף אַסַאךְ שׂוֹנְאִים. **נָאר דָאס בְּלֶעטְל אִיז אוֹיף מִיר מֵגִין.** קוּם וֶועל אִיךְ דִיר וַוייזְן.



נאמ: ____________

# לאמיר זיך פאר הערן



## די זיבעטע מעשה - דער פליג און דער שפין (1)

**א. שאלת זכות: ווען האט דער רבי פארציילט די מעשה** (עיין חיי מוהר"ן אות נ"ט)
- ☐ זומער תקס"ז
- ☐ זומער תקס"ו.
- ☐ ווינטער תקס"ז

**ב. וועלכע טאג אין יאר האט דער מלך געמאכט א סעודה ?**
- ☐ אין דעם טאג וואס ער האט אפגענומען די מלחמה
- ☐ אין דעם טאג וואס ער האט גענומען אסאך שבויים.
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ג. וועלכע אומה זאגט דער רבי ספעציעל אז מען האט פון זיי געמאכט געשפעטש?**
- ☐ פון אדום און פון דעם טערק
- ☐ פון די בבליים.
- ☐ פון דעם טערק

**ד. מען האט ליצנות געמאכט אויך פון אידן?**
- ☐ מן הסתם.
- ☐ ניין.
- ☐ דער רבי רעדט נישט דערפון

**ה. וויפיל מאל האט דער שפין פרובירט כאפן דעם פליג?**
- ☐ דריי מאל
- ☐ צען מאל
- ☐ עטליכע מאל

**ו. וואס איז צום סוף געשעהן מיטן שפין?**
- ☐ דערגרייכט דעם פליג.
- ☐ געווארן צובלוטיגט.
- ☐ עס איז פון איר גאר נישט געבליבן.

**ז. וואס האט דער מלך געשריגן אינמיטן חלום?**
- ☐ ראטעוועט ראטעוועט.
- ☐ דער רבי זאגט נישט וואס ער האט געשריגן
- ☐ געוואלד געוואלד.

**ח. ווער האט אויף געוועקט דער הויכן בארג?**
- ☐ דער ס"מ.
- ☐ דער מלך ווען ער האט געשריגן.
- ☐ די פליג און די שפין.
- ☐ א יפת תואר.

**ט. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?**
- ☐ יא
- ☐ ניין
- ☐ א חלק

### ליקוטי מוהר"ן



**ביי וועלכע מעשה נאך, ווערט דערמאנט די ווערטער "גיוואלד גיוואלד" ?**

**תשובות אויף די פריערדיגע וואך** (מלך עניו)

וואספארא לשון וואס עס ווערט דערמאנט אין די מעשה - זאגט מען מוצאי שבת? **אָמַר רַבִּי יוֹחָנָן בְּכָל מָקוֹם שֶׁאַתָּה מוֹצֵא גְּדֻלָּתוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא. שָׁם אַתָּה מוֹצֵא עַנְוְתָנוּתוֹ.** (ויתן לך)

**די געווינער וועט מען מפרסם זיין קומענדיגע וואך בעז"ה**

**צו ענטפערן די בחינות און ארייגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**



# דעם רבינ'ס משלים

## װער איז דער אֶמֶתְ'ר אויפְזֶעהֶער?

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ קֶענִיג וָואס הָאט גֶעהַאט צְוֵויי זוּן, אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען אַ חָכָם אוּן דֶער צְוֵוייטֶער אַ שׁוֹטֶה. דֶער קֶענִיג הָאט גֶעשְׁטֶעלְט זַיין זוּן דֶער שׁוֹטֶה זָאל זַיין דֶער אוֹיפְזֶעהֶער אוֹיף זַיינֶע אוֹצְרוֹת, וְוידֶער דֶער חָכָם הָאט נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין שׁוּם שְׁטֶעלֶע, עֶר אִיז נָאר אַלֶעמָאל גֶעזֶעצְן בַּיים קֶענִיג.

דִי וֶועלְט הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט אַז דֶער וָואס אִיז נִישְׁט קְלוּג הָאט אַזַא פָּאזִיצִיֶע, אַלֶע מֶענְטְשְׁן קוּמֶען אוּן גֵייעֶן אַרַיין צוּם אִים זִיךְ פָּארֶען בַּיי דִי אוֹצְרוֹת, אַרַיינְלֵייגְן דָארְט אָדֶער אוֹיסְנֶעמֶען, אוּן דֶער חָכָם הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם שְׁטֶעלֶע.

דֶער קֶענִיג הָאט זֵיי גֶעגֶעבְן צוּ פַארְשְׁטֵיין, ״אִיז דֶען דָאס אַ מַעְלָה אַז דֶער זוּן נֶעמְט פוּן דִי גְרֵייטֶע אוֹצְרוֹת אוּן טֵיילְט פַאר דִי מֶענְטְשְׁן פוּן לַאנְד? וְוידֶערְאוּם דֶער חָכָם זִיצְט בַּיי מִיר אוּן טְרַאכְט אַלֶע סָארְטְן גֶעדַאנְקֶען אוּן עֵצוֹת וָואס אִיךְ אַלֵיין קֶען נִישְׁט אוֹיפְקוּמֶען מִיט מַיין מֹחַ, דוּרְךְ זַיינֶע עֵצוֹת נֶעם אִיךְ אַיין לֶענְדֶער וָואס אִיךְ הָאבּ קֵיינְמָאל בֶּעפָאר נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן זֵיי, פוּן דִי מְדִינוֹת פְלִיסְן אַרַיין אַלֶע מַיינֶע אוֹצְרוֹת.״

״אַסַאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע אוֹיפְטוּ טוּט מַיין זוּן דֶער חָכָם קֶעגְן דֶעם זוּן וָואס אִיז אַ מְמוּנֶה, דֶער חָכָם פַארְמָאגְט טַאקֶע נִישְׁט פוּן אוֹיבְּנְאוֹיף קַיין שׁוּם שְׁטֶעלֶע, אָבֶּער דוּרְךְ אִים קוּמֶען אַרַיין דִי אַלֶע אוֹצְרוֹת.״ הָאט זֵיי דֶער קֶענִיג גֶעלָאזְט הֶערְן. [דָאס הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער דִי מְפֻרְסָמִים דִי בַּעֲלֵי מוֹפֵת].

(חיי מוהר״ן ק׳)

